# עונג שבת

## פרשת בא תשס״ד

**גוט שבת אלע אידן.** עס איז באוואוסט אז אסאך שומרי תורה און מצוות אידן האבן באדינט אין די ארץ ישראל׳דיגע ארמיי דורך די לעצטע 50 יאר. אסאך אידן האבן געהאלטן אידישקייט דורך די שווערסטע מצבים בפרט אין מיטן מלחמה ממש. עס איז געווען א סאלדאט א שומר תורה און מצוות וואס האט געהייסן משה לווי (נישט זיין עכטע נאמען).

אלס סאלדאט, איז משה אייביג ארומגעגאנגען מיט זיין תפילין אין טאש, אפילו מיטן די מלחמה ממש, ווייל ער האט שטארק מחשיב געווען די מצוה. דורך דעם וואס ער האט אייביג ארומגעטראגן די תפילין, האט ער געהאט די געלעגענהייט צו מזכה זיין אסאך אידן דורך בארגן פאר אנדערע סאלדאטן זיין תפילין.

אין יום כיפור תשל״ד האט זיך אנגעהויבן א מלחמה אין ארץ ישראל ווען די אראבער האבן אטאקירט. א טאג צוויי שפעטער איז משה געווען אויף א שמירה אויף די גרעניץ מיט מצרים. ווען די ווילדע אראבער האבן אטאקירט, זענען די ארץ ישראל׳דיגע סאלדאטן באין ברירה אנטלאפן פון יענעם מיליטער לאגער וואו משה איז געווען. משה איז אויך אוועקגעלאפן ווייל פארשטייט זיך אז עס איז געווען סכנת נפשות.

א שטיק צייט שפעטער האט משה באמערקט אז ער איז אליינס, ווייל יעדער איינער איז געלאפן צו אן אנדערען זייט. בלייבן אליינס איז נישט קיין גוטע געפיל פאר א סאלדאט.

אביסל נאכדעם איז משה אריינגעגאנגען אין א בנין וואו ער האט געוואלט זיך באהאלטן ביז דער מצב וועט ווערן בעסער. ער האט זיך באהאלטן אין א שטוב אין א געוויסע בנין נישט ווייט פון דעם מיליטער לאגער.

פלוצלונג האט ער געהערט קולות. וואס וועט זיין? ווער זענען די סאלדאטן? זענען זיי אראבער אדער ארץ ישראל׳דיגע סאלדאטן? ער האט גוט צוגעהערט צו די קולות. די מענטשן האבן זיך דערנענטערט צו משה׳ס באהאלטענער פלאץ אין דעם שטוב וואס איז געווען אויף דער צווייטער שטאק פונעם בנין. משה האט זיך אנגעשטרענגט צו הערן די קולות, איז עס געווען אראביש אדער נישט? די מענטשן האבן אנגעהויבן צו שטייגן אויף די שטיגען צו דער צווייטער שטאק. דאן האט משה דערקענט די קולות. זיי האבן גערעדט אראביש. משה האט אויפגעהויבן זיין מאשין געווער, גרייטנדיק פאר די אראבער.

די אראבער האבן אנגעהויבן צו ארייננקוקן אין יעדע שטוב אויף דער צווייטער שטאק, זוכענדיג פרעמדע סאלדאטן. דאן האט משה אנגעהויבן צו טראכטן... ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער האט אפשר בערך 3 מינוט ביז די אראבער וועלן אים טרעפן. ער האט זיך פארגעשטעלט אז ער וועט קענען אפשר ״ערלעדיגען״ צוויי פון די אראבער, ביז זיי וועלן אים ח״ו ״ערלעדיגען.״

פלוצלינג האט ער געטראכט אז אפשר טוט ער נישט ריכטיג. ווייל אפילו ער וועט קענען זיי אפשר ״ערלעדיגען״, וועלן זיי אים זיכער ״ערלעדיגען״. ער האט שנעל געטראכט אז אויב ער דארף שטארבן, זאל ער כאטש ארויסגיין פון דער וועלט מיט א מצוה.

ער האט זיך דערמאנט וועגן זיין תפילין. ער האט אראפגעלייגט זיין געווער און ער האט שנעל ארויסגענומען זיינע תפילין און ער האט אנגעהויבן צו לייגן די תפילין שנעלער ווי ער האט געלייגט אין זיין לעבן. די אראבער האבן זיך דערנענטערט צו זיין טיר. משה האט שנעל געלייגט די תפילין און ער איז גרייט געווען צו זאגן ״שמע ישראל.״ משה האט נישט פארשטאנען אזוי גוט אראביש אבער ער האט יא פארשטאנען אז די אראבער האבן געשמוסט צווישן זיך אז זיי האבן געהערט גרודער פון משה׳ס שטוב. משה האט געזען ווי זיי עפענען די טיר. ער האט געלייגט זיין האנד איבער זיין אויגן מיט גרויס דבקות גרייטנדיק צו זאגן ״שמע ישראל.״ די אראבער זענען אריינגעקומען...

פאר מיר גיין ענדיגען די מורא׳דיגע מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון די מעשה וואס האבן א שייכות צו דער וואכעדיגער סדרה. די הייליגע תורה באפעלט אונז די וואך וועגן די מצוה פון תפילין, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: ״והיה לאות על ידכה ולטוטפת בין עיניך וגו׳״ (שמות יג,טז)

די ספרים הקדושים זענען מסביר די טיפקייט פון די מצוה פון תפילין. איינע פון די סיבות פארוואס דער אויבערשטער האט אריינגעשיקט די אידישע קינדער אין גלות מצרים איז געווען כדי זיי זאלן זיך אויסלערנען ווי צו זיין עבדים. גלות מצרים איז נאר געווען א הכנה צו קבלת התורה. ביי קבלת התורה זענען די אידן געווארן די עבדים פון דעם רבונו של עולם, אזוי ווי עס שטייט אין דער הייליגער תורה: ״כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים אני ה׳ אלקיכם.״ (ויקרא כה,נה)

איינע פון די ערשטע מצוות וואס די אידן האבן מקבל געווען ארויסקומענדיק פון מצרים איז געווען תפילין. די סיבה פארוואס תפילין זענען געווען איינע פון די ערשטע מצוות איז אפשר אזוי: די רצועות פון די תפילין סימבאלאזירן די קייטלעך פון א קנעכט. דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר די אידן אז זיי זענען די קנעכט פון דעם רבונו של עולם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, אז די תפילין זאלן זיין א סימן אז ״כי ביד חזקה הוצאך ד׳ ממצרים.״ (שמות יג,ט) ד״ה, די תפילין זאלן זיין א סימן אז די אידישע קינדער האבן אויפגעהערט צו זיין פרעה׳ס עבדים און זיי זענען געווארן די עבדים פון דעם אויבערשטען.

תפילין, אזוי ווי אלע מצוות, ווייזן דעם ליבשאפט וואס דער באשעפער האט פאר זיין עם סגולה. אזוי ווי דער של״ה הקדוש ברענגט: ״ולשון מצוה צוותא...״ מצוה איז א לשון פון באהעפטען. (מסכת יומא – פרק דרך חיים, תוכחת מוסר טז) ד״ה, ווען איינער טוט א מצוה, בפרט דער מצוה פון תפילין, באהעפט ער זיך צו, צום רבונו של עולם. איז לאמיר יעצט ענדיגען די פלא׳דיגע מעשה וואס ווייזט די געוואלדיגע כח פון תפילין צו מעורר זיין דעם ליבשאפט צווישן א איד און זיין באשעפער.

...משה האט געזען אז די טיר עפענט זיך און די אראבער קומען אריין. ער האט געלעגט זיין האנד איבער זיין אויגן מיט גרויס דבקות גרייטנדיק צו זאגן ״שמע ישראל.״ די אראבער זענען אריינגעקומען. זיי האבן אנגעקוקט משה מיט אן ערשטוינקייט. זיי זענען געווארן ווייס אין פנים און זיי זענען אלע אנטלאפן פון דעם שטוב ווי שנעלער עס איז געווען מעגליך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך.״ (דברים כח,י) זאגט די גמרא אז די פסוק באציט זיך אויף ״תפילין שבראש.״ (ברכות ו.)

דער אויבערשטער האט געראטעוועט משה׳ס לעבן אין די זכות פון די הייליגע מצוה פון תפילין. נאך די מלחמה איז משה ב״ה ארויסגעקומען פון די ארמיי. דאן האט ער געקענט דינען דעם אויבערשטער בשלמות אהן אלע שוועריגקייטן פון זיין א סאלדאט. פון דעמאלט און ווייטער האט משה אייביג מהדר געווען מיט דער חשוב׳ער מצוה פון תפילין. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא בתוך שאר חולי ישראל
לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג
שתיקה יפה בשעת התפילה ״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״ (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)